NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 15 גראשען

ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע–זעה 11. זייט

היינט 12 זייטען

# פייער פאלקסבלאט

№ 28 | Łódź, Sroda, 27 stycznia 1937 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאדז, מיטוואך פ' יתרו ט"ו שבט תרצ"ז | 15-טער יאהרגאנג

# פרוי פריסטאר דראהט

## מיט א נייעם פראיעקט צו פערווערען די יודישע שחיטה

## ענטשלאסענער ענטפער פון אגראר-מיניסטער אין דער סיים-קאמיסיע

וו א ר ש א, 26 (טעלעפאניש)

די בודזשעט - קאמיסיע ביים סיים האט היינט פארטגעזעצט די דיסקוסיע איבערן בודזשעט פון אגראר-מיניסטעריום.

אויף דער היינטיגער זיצונג זענען געווען צוויי סענסאציעס: דאס ערשיינען פון דער פרוי פריסטאר און די ארויסטרעטונג פון גראף הוטען-טשאפסקי, וועלכער האט דיסקרעט א שמאך געטון די יודען.

עס איז גוט געשעהן, וואס דער אגראר-מיניסטער פאניאטאווסקי האט פריער געגעבן א טרעפליכען און שארפען אפשניט.

ביים אנהויב פון דער דיסקוסיע האט גענומען דאס ווארט גראף הוטען-טשאפסקי, וועלכער האט פאלעמיזירט מיט'ן מיניסטער בנוגע דער וויכטיגקייט שנעלער צו רעאליזירען די אקציע וועגען דער אגראר-רעפארם. הוטען - טשאפסקי האט אנ'אנדער אויסוועג פאר דער דארפישער בעפעלקערונג. אגראר-רעפארם איז, לויט איהם, נישט זעהר וויכטיג: די פויערן דארף מען בעזעצען אין שטעט און שטעטלעך, דארט דארפען זיי זוכען פרנסה און זיי דארפען בכלל נישט ווארטען אויף די גליקען פון ערד. ער ווייזט תרבי' אן, אז אין סעלצער וואיעווידשאפט זענען פארהאן געוויסע שטעטלעך, וואו דאס פויערן-פאלק וועט פאר זיך האבען א סך פלאץ פאר פרנסה.

דעפ. הוטען-טשאפסקי האט דערמיט געגעבן א פאפולערער אנצוהערעניש אויף די שוין ,,בעריהמטע״ שטעטלעך פשיטיק, אדזשיוואל און אנדערע.

דאן איז ארויסגעטרעטען די דעפוטאטין פריסטאר, וועלכע איז אין פארבינדונג מיט'ן בודזשעט פון אגראר-מיניסטעריום אהן שהיות ארויסגעטראטען אויף איהר בעליבט פערדעל אויף דער יודישער שחיטה.

זי מוסר'ט דעם מיניסטער, הלמאי ער לאזט זיך טעראריזירען פון די יודען, וועלכע סאבאטירען דאס שחיטה-געזעץ, וועלכע טוען די יודען נישט קיין עוולה איך אליין — זאגט פרוי פריסטאר — האב געליטען א גרויסע עוולה אין שייכות מיט'ן שחיטה-געזעץ מ'האט אויף איהר אויסגערעדט, זאגט זי, וואס נישט אויף דער קארט. מ'רעדט מיר איין, אז איך בין גלומרשט אנ'אנטיסעמיטקע. אנטיסעמיטיזם איז נעגען מיין נאטור — פערענטפערט זיך די צער-בעל-חיימ'ניצע. איך וואלט בלויז געוואלט, אז יודען זאלען זיין 100 פראצענטיגע לאיאלע בירגער און דערפאר געניסען פון פולע בירגערליכע רעכט.

נישט געקוקט דערויף — זאגט זי ווייטער — איז דאס שחיטה-געזעץ דעקט פולשטענדיג די רעליגיעזע בעדערפענישען פון די יודען, בעקעמפען זיי דאס דאזיגע געזעץ און צום קאמף מיט'ן שחיטה-געזעץ בעקומען זיי געלד פון אויסלאנד. די יודען האבען נישט קיין רעכט זיך צו בעקלאגען אויפ'ן שחיטה-געזעץ און האבען אויך נישט קיין גרונד צו האבען טענות פון ווירטשאפטליכען כאראקטער. יודען האנדלען ווייטער מיט בהמות וויפיל זיי ווילען, די קאנטינגענטען אויף כשר פלייש איז גרעסער ווי עס דארף פאקטיש זיין. דאס איינציגע, וואס די יודען איז געשעהן אין שייכות מיט'ן איינפיהרען די שחיטה-בעגרעניצונג, איז דאס, וואס מ'האט פערקלענערט די צאהל שוחטים. מ'קאן אבער נישט פערלאנגען — זאגט די רעדנערין — אז די קריסטליכע בעפעלקערונג זאל רעכענען די אויסגאבען פאר די יודישע רעליגיעזע צערעמאניעס.

פרוי פריסטאר פיהרט אויס: די יודען קעמפען נאטירליך פאר זייערע רעליגיעזע אינטערעסען, זיי האבען אפילו נישט קיין ווירטשאפטליכע פונות ביים בעקעמפען די שחיטה-בעגרעניצונג. זי פאדערט לסוף אויף דעם מיניסטער פאניאטאווסקי, ער זאל זיך נישט אונטערגעבען דעם יודישען סאבאטאזש.

(ווייטער זעה 4־טע זייט)

# די פוילישע בעפעלקערונג דארף זיך געגענשטעלן די אנטי-יוד. ארויסטרעטונגען

## ערקלערט ביאליסטאקער וואיעוואדע א דעלעגאציע פון גלחים

ביאליסטאק, 26 (טעלעפאניש)

א דעלעגאציע פון גלחים האט היינט זיך פארגעשטעלט דעם ביאליסטאקער וואיעוואדע, פאר וועלכען זיי האבען זיך בעקלאגט, אז צוליב די אנטי-יודישע עקסעסען ווערען אין די דערפער אנגעווענדעט רעפרעסיעס און עס זענען אפגערופען די מארק-טעג, פון וואס די פוילישע בעפעלקערונג ליידט שטארק.

דער וואיעוואדע האט געענטפערט, אז מיט דער גאנצער ענטשלאסענקייט וועט ער אויפ'ן שטח פון זיין וואיעוואדשאפט נישט טאלערירען קיין אנטי-יודישע עקסצעסען און די שולדיגע וועלען שארף בעשטראפט ווערען.

דאנעבען, האט דער וואיעוואדע ערקלערט דער דעלעגאציע, איז ער גרייט צוריק צו בעשטימען די טעג אין די שטעטלעך אויב די פוילישע בעפעלקערונג וועט זיך געגענשטעלען די שטראפבארע ארויסטרעטונגען פון יענע עלעמענטען, וועלכע זענען פראינטערעסירט אין ארויסרופען אנטי-יודישע געשעהענישען.

## קיין קארטוז-בערזע

ווילנא, 26. (טעלעפאניש) קיין קארטוז-בערזע זענען ארויסגעשיקט געווארען 6 קאמוניסטען פון ווילנא, אשמיאן און סווענציאן.

## דער נעגוס פראטעסטירט

פאריז, 26 (ספ. טעל.)

דער נעגוס האט צום סעקרעטאריאט פון דער פעלקער-ליגע צוגעשיקט א פראטעסט געגען אנערקענען דורך שווייץ די סוברענעטעט פון איטאליען אין אביסיניען.

דער יודישער פיש-סוחרים-פעראיין, פיעטריקאווער 53
טיילט מיט איהרע מיטגלידער, אז נאך לאנגע שווערע ליידען איז נפטר געווארען אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד
נ"ע משה לייב לובאנסקי
צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, מיטוואך, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז וואלבארסקא 28, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען, כדי אפצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.
די פערוואלטונג.

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטען נפטר געווארען אונזער היים געליבטער פאטער, שווינערפאטער, גראספאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל
נ"ע משה לייב לובאנסקי
ב"ר אברהם ז"ל
(הויזבעזיצער פון דער שטאט לאדז, לאנגיעהריגער גבאי פון דער אלטשטעטישער שוהל, ג. פיש-סוחר)
איז עלטער פון 75 יאהר.
די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 27 יאנואר 1937, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז וואלבארסקא 28. ווענען וואס עס טיילען מיט איז גרויס צער
די טיפטרויערנדע היינטערבליבענע.

דינסטאג, דעם 26 יאנואר 1937 איז געשטארבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אונזער ליבע און אונפערגעסליכע
נ"ע פייגא (פעליציא) זילבערבלאט
אשת ר' יצחק הערש נ"י
(בת ר' יששכר דוב ז"ל ווילנער)
די לוי' קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 27 ד"ח פון טה"ה-הויז. וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
מאן, קינדער און פאמיליע.
מ'בעט נישט צו קאנדאלירען.

